STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06546

NOENTE

Levi Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לוי גאָלדבערג

נאָענטע

לידער

„היים־פאַרלאַג“ נויאָרק 1932

צווייטער בוך

Copyright 1932
By LEVI GOLDBERG
New York, N. Y.

Myold Printing Co., Inc. 161 Grand St., New York

מיין פריינדשאפט
[illegible]
[illegible]

לוי גאָלדבערג

נאָענטע

לידער

„הוים-פאַרלאַג״ נויאָרק 1932
צווייטער בוך

נאָענטע

דעם זכר פון מיינע יונג פארשטאָרבענע טאַטע מאַמע,
עליע און רחה, ווידמע איך דאָס בוך

.1

דאָ אין פרעמדקייט

די וועלט איז קיילעכדיק...

איך בין אָנגעקומען ווי אַן אורח, אומגעבעטן
צו אָרעמע טאַטע־מאַמע, צו אַ שוועסטער און צוויי ברידער.
און ניט פון שכן און ניט פון קיינעם אין שטוב,
האָבן מיינע אויערן פאַרנומען קלאַנג פון לידער.

נאָר ווער ס'האָט אויפגעבויט די שטוב, האָט איר צוגעבויט
אַ שוים —
אַ פריזבע — פאַר יונגוואַרג און מאַמעס.
אַז די זון פלעגט פאַרגיין, פלעגט מיך פירן צום שלאָף
אַ געזאַנג פון קאָלדוניע און שולמית.

דאָס איז געווען אַ געזאַנג פון מיידלאַך פאַרליבטע,
פון מאַמעס, אין פלאָנטער פון דלות.
מיט'ן קאָפּ צו די שטערן, מיין האַרץ פלעגט הערן
ווי בײנקשאַפט זינגט פון די כלות.

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן, די מאַמע פאַרזאָרגט
זינגט אַ ליד — מיר לאָזט זיך ניט גלייבן —
דאָס ליד האָט אין מיינע חלומות געגעבטיקט
ווי די לבנה אויף אונזערע שויבן. —

„די וועלט איז קיילעכדיק, אַזוי ווי אַן איי,
אַזוי ווי אַן איי,
און פון דער וועלט אַוועק צוגיין
איז אַז אַך און ווי — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

דאָס איז דער געזאַנג וואָס באַגלייט מיינע טריט
איך הער אים, ווען עס שאָטענען וועגן.
לידער מיינע קומט ! לידער מיינע הערט !
איך זינג עס פאַר אייערטוועגן.

נאָענטע

קאַמערויקע

א.

פון מיין שטאָט אַ הינטער־גאַס מיט אָרים לעבן,
רוי און ניט ברוקירט ביז׳ן וואַלד אַוועק.
צוויי שורות הייזלאַך באַ די זייטן: —
ווי קברים.
זון, פון אַלע זייטן,
וואַרימט דאָ.
נאַכט, לויכט דאָ מיט לבנה און פּאָנאַרן.
בית עלמין גאַס ליגט ווייט, —
נאָר אָוונט צייט,
נעמט איר שטילקייט זיך אַהער
אַריבער שאַרן.

ב.

ריי נאָך ריי,
אַ געפּאָרעריי
פון פויערישע וועגענער.
אַ רעדלען פון רעדער אויף בלאָטע,
ווי אויף ווייכן טייג.
פערד שלעפּן מיד,
בלאָטע ציט זיי צו זיך,
ווי אַ שד פון דער ערד.

לוי גאָלדבערג

ג.

יעדער תושב —
א שותף צום טרויער.
מיט אייגנשאפטן פון טאטע־מאמע,
גייט טרויער — בלינדע ירושה —
איבער צו קינדער.
דורות שטויסן
דורות, צום גרוב.
ווי א שילד צום דרויסן —
דער טרויער אויף יעדער שטוב.

ד.

בערגלאך און גריבער.
צוויי שולן, א רב און זקנים.
א לויה:
אין גאס, און אין שטיבער, א כליפה.
יללות.
א ברעכן די פינגער.
קינדער מיט פיסלאך צעדרייטע,
זאפן ווי שוואמען אריין, שרעק פאר די טויטע.

ה.

א קינפעט —
א יום טוב פאר געבויגענע באבעס.
א מיידל! — — — — —
דעם טאטן רויעט פארדרוס, ווי א ווארעם.
דער מאמעס הארץ קלעמט מיט באדויער.
זאגט אן די באבע. א אינגל!
איז אויך א טרויער.
בראנפען און לעקאך,
פאר'ן רב, שמש און שכנים.
דעם מוהל — זיין מקח.
קאלט איז דער בליק פון טאטן צום קינד.
ס'קינד זאפט עס איין מיט א מורא.
וואקסט עס, אין מרה שחורה,
און צערט —
מאמעס טעג און נעכט.

ו.

די שטוב: — אַן אויוון און אַ קאַמער,
אַ בעט, אַ קאַנאַפּע, אַ טיש, און בענקלאַך,
אַ זייגער, מיט וואָג אויף קייטן,
וואָס שלאָגט די שעה'ן, קריינקלאַך.
טאַטע מאַמע, אַ ברודער, און אַ שוועסטער.
אַ פּרעמד פּאָר פאָלק, מיט נויט אין קאַמער.
ער — אַ שוסטער, קלאַפּט ער טרויער מיט זיין האַמער.
זי — מעוברת, טראָגט מיט טרויער
סודות צו מיין מאַמעס אויער.
מאַמע זאָרגט אין שוויגן, טרויער
אויף מיין שוועסטער'ס מזל.
שוועסטער'ס אויגן: —
טרויער פון איר לעבן.
ברודער'ס ווערטער: —
טרויער נאָך אַ חלום.
טאַטענ'ס אומעט: —
טרויער נאָך חיונה.
איך — אַ אינגל, צווישן זיי פאַרקלעמט,
ווי אַן אורח אין דער פרעמד.

ז.

דאָ אין פּרעמדקייט,
לייזט זיך אויף דאָס רעטעניש פון מיין טרויער.
ס׳איז ניט די פּרעמדע היים אַט דאָ.
ס׳איז ניט די שעה
וואָס דערמאָנט מיך —
מאַמע׳ס טויט.
טאַטענ׳ס טויט.
אַלע שטאַרבן!
איך בין אַ יורש פון קאַמערוויקע
איך טראָג איר טרויער —
דאָ,
אין רעש
פון נויאָרק.

פון שטוב אַרויס

א.

באַ'ם אָנקומען, אין אָוונט,
פלעגט אָנטראָגן אין שטוב דער טאַטע
א ריח פון א פראַסטן אויל וואָס האָט געשמעקט מיט סמאָלע.
די מאַמע פלעגט אראָפציען פון אים דעם קאַפּטל
און ווי מען מיעסט זיך פון א נבלה,
עס אוועקטראָגן אין פירהויז.
פון ברייטן היטל ביז זיין באָרד אויף שמאָלער מאָרדע
איז אָנגעטאָן געווען זיין פנים מיט יענער בלייכקייט
וואָס דערמאָנט אָן געלזוכט,
און אויסגעפורעמט ווי א קלין,
פון אויבן — ברייט, און אונטן — שמאָל,
א זאַך,
וואָס פלעגט, אין שווערער דאגה, זיך איינשפּאַרן
אין זיינע הענט.
פון פירהויז גייט די מאַמע, פון וויטן פרעגן אירע אויגן:
— נו, עלע?
„גאָרניט, רחה, גאָרניט", — פאַרכאַפּט דער טאַטע,
און שפּילט איבער ווי ער פירט זיין האַנדל —
די דאַרע האַנט ווערט אויסגעצויגן
און קריגט דעם אויסזען פון א לעפל.
אויף זיין קני שפּאַרט זיך אָן די קאָן
און שלינגט
מיט געל־גרינער פעטקייט;
אויף זיין דאַלאָניע פורעמט זיך א טייכל
און בלישטשעט קעגן פייער.
—„זעסט?
כ'שווער זיך באַ מיין ערנוואָרט די בעסטע סחורה,
און גאָרניט, רחה, גאָרניט".

עס גליטשט זיך אום דאָס טײַכעלע אויף זײַנע פּעטע הויזן,
וואָס קענען לאָמפּ
שלאָגט פון זיי אַ גלאַנציקייט
ווי פון נאַסע שטיוול.

ב.

איינמאָל אין אַ מיטן־טאָג (און טרעפן פלעגט עס זעלטן),
איז דער טאַטע אָנגעקומען
און איידער אויסטאָן זיך
האָט ער דער מאַמען אַ וואָרף געטאָן אַזאַ מין בשורה,
„איך האָב דעם אינגל אָפּגעגעבן פאַר אַ בעל מלאכה
אויף פיר יאָר משך“.
ווי האַמערס האָבן זײַנע רייד אַ קלאַפּ געטאָן אין מאַמעס קאָפּ;
דאָס לשון האָט איר אָפּגענומען;
און וואַקלענדיק, ווי דיל וואָלט זיך געעפנט,
איז זי אין שטול געזונקען
און האָט די הענט געבראָכן.
און אַז אין איר מוח זײַנען דורכגעלאָפן מײַנע עלף יאָר
האָט זי מיך אַרײַנגעקלעמט אין אירע אָרעמס,
געקושט מײַן שטערן,
געפּאָרשט די אויגן.
און אַז מײַן צער איז איר אַנטקעגן אָנגעקומען,
האָט זי אַ געשריי געטאָן צום טאַטען:
—„וואָס האָסטו צו דעם אינגל?!“
אַ ברוגזער, האָט ער דעם קאַפּטל פון זיך אַליין
אַראָפּגעצויגן.

לוי גאָלדבערג

ג.

דער עלטסטער ברודער איז געוואקסן הויך
און ס׳פלעגט די מאמע אנקוועלן.
אין געגנווארט פון נידריגן טאטען
האט עס אויסגעזען,
אז וואו עס ענדיקט זיך דעם טאטענ׳ס וואוקס
הויבט זיך אן דעם ברודער׳ס.
אזוינס —
אז איין קאפ קלעטערט אויף דעם צווייטן.
און שוין דאן, אין יענע יארן,
האט געצייטיקט זיך אין אים א חלום
וואס האט געדארפט איבערייסן יענע נאענטקייט
וואס ברענגט דער מאמען יום־טוב.
אז אין הויז פלעגט טונקל זיין, און ליגנדיק
מיט מיר, קלענסטן ברודערל, אויף איין קאנאפע,
פלעג איך ווערן יענער אפשטעל,
וואו ס׳פלעגט זיך אפרוען זיין חלום.
„וועסט בײנקען, אז איך וועל אוועקפארן?“
„בײנקען...“
„און די מאמע וועט וויינען?“
„וויינען...“
מערער פלעגט ער גארניט ריידן;
די אויגן אויפגעהויבן צום סופיט
פלעגן זיך פארפלאנטערן
ווי אין א שפין געוועב א שפין.

ד.

און איינמאָל אין אַן אָוונט, מאַמע טיילט חלקים.
פון טיש הויבט זיך אַ פּאַרע פון עסנוואַרג,
פון טאַטען שמעקט דער אויל,
און ס'זעט די מאַמע ווי אַלץ איז ניט ווי עס דאַרף צו זיין,
די לעפל גייען שטיל צום טעלער,
און, איינגעהאַלטענער, באַרירן זיי די ליפּן.
דאָס לשון איז אַוועק פון אַלע צינגער.
אין טאַטענ'ס האַנט דאָס לעפל ציטערט,
פאַרטשעפּעט זיך אָן באָרד.
דער ברודער שווייגט.
און עס ווייס די מאַמע, אַז דאָס איז ניט די טבע
פון דעם עלטער ברודער אַלע מאָל באַם עסן.
אַ וואָלקן טראָגט זיך איבער'ן טיש, ביז —
„מאַמע, כ'האָב געקויפט אַ שיפסקאַרטע".
אַ טייך איז אַרויס פון זיינע ברעגן,
און ס'קען די מאַמע זיך ניט ראַטעווען,
„גאָט, פאַר וואָס קומט עס מיר!"

ה.

און מער פון אלץ — דער מאמעס טויט.
כ'שטיי אויף פון שלאף — און קיינער
איז ניטא מיט מיר.
די מאמע פעלט ניט מער. אין שפיטאל איז זי. איך ווייס.
נאר ס'פעלט דער טאטע,
די שוועסטער,
דער עלטער ברודער.
און מיט אמאל — א געוויין.
א אימפעט טראגט אריין מיין שוועסטער.
איר קאפ איז ווי א ווינגדיסער גלאס.
די האר צושאטן,
און פון איר האלז טראגט זיך א פארלארנקייט.
„וואס וועט איצטער זיין? וואס וועט איצטער זיין?" — —
און ווידער עפנט זיך די טיר
און שלעפט אריין מיין ברודער.
די פיסטריט זיינע קלאפן שווער,
און ציען אים ארונטער,
בלייבן שטיין אין מיטלפונקט פון שטוב.
און מיט אמאל
גיט ער א כאפ מיט ביידע הענט זיין קאפ,
און נעמט אים וויגן.
נאר זיין געוויין איז איינגעהאלטענער,
געצוימטער.

דער טאַטע קומט אַריין,
און ס'איז דער ערשטער קוק זיינער — אויף דעם זייגער,
דער צווייטער — אויף מיר.
אים ציטערן די קני, זעצט ער זיך אויף דער קאַנאַפּע,
און פון זיך אַליין, פורעמט זיך — פאַר מיר —
אַ ציטערדיקע שטול,
וואָס רייסט מיך פון דער וויינענדיקער שוועסטער אָפּ.
„זאָלסט זיין אַ גוטער אינגל, און זאָגן קדיש".

ו.

און איך געדענק, און עס גייט ניט אוועק פון מיר,
יענע שעה,
וואָס האָט געפירט מיין מאַמען צו דער קבורה.
אַ שוואַרצער וואָגן שלעפּט זיך,
און ס'קומט אַנטקעגן דער בית עלמין.
אין אָפענעם טויער פאַרנויגן זיך מצבות.
אידן, קאַליקעס. און פושקעס.
אָפענער געוויין,
און קדיש.
און צוריק — אהיים, —
גאַנג אַ ליידיקער.

מאַמע

שכנים. שטיל.
שטרוי און ליכט.
בליקן צוגעשמידט צום דיל.
נאָר פריידיק, אויפגערעגט,
ווי פאָר אַ גאַסט אַ טייערן,
בויגן זיך די פייערן
צו דער
וואָס ליגט, דאָ, צוגעדעקט.

שטילקייט ווערט זיך מיט געשריי.
פינגער פלעכטן זיך מיט ווײ.
און ווי די ליכט, מיט טרער און נויג,
זיין שוועסטער'ס גוף — אַ בויג,
אַ פאַל, אַ צי, —
און מיט געשריי, אַז אויפגעוועקט
זאָל ווערן די —
וואָס ליגט דאָ צוגעדעקט.

דער אינגל זעט:
באַם וואַנט די שאָטנס אין געפעכט,
דער אינגל הערט,
ווי טענות גייען צו דער וועלט.
די מאַמע פעלט!
די מאַמע פעלט!
ער שטומט און קוקט פאַרשטיינט
צו דער וואָס שווייגט,
צו דער וואָס וויינט —
מיין לעבן! —
מיין לעבן.

נאָענטע

קדיש

דער שחרית דאַוונען נעענטערט זיך צום סוף.
צווישן אַלעמען — איינאַונאײנציק, פרעמדע,
איז גרייט דער אינגל, מיט זיין האַרץ וואָס קלעמט,
צו זאָגן קדיש,
פאַר דער
וואָס לעבט נים מער.

בא די שטענדער — תפילה׳דיקער מורמל.
תליתים׳דיקע רוקנס — ווי געשפּענסטער.
אויגן קוקן נים אין ליכט פון פענצטער,
(די גאַס שרייט אינווייניק אריין מיט שפּאַט).
אויגן טוקן זיך אין ליכט פון גאָט.

א צוויי דריי שפּאַן פון ארון־קודש —
דער אינגל גליוועט מיט די רייד פון קדיש.

קענגן אים
די לייבן, ווי צוויי שטומע עדות,
אַנגעלאָפענע, פון פרעמדע לענדער.
אַרום אים,
פון אַלע רייענדיקע שטענדער,
א געלויף פון אַריבעריאָגנדיקע קולות —
אמן יהוא שמה רבא.

דער אינגל וויגט זיך,
גייט אויס די לעצטע טרים,
הערט זיין אייגן אָטעם נים.

לוי גאָלדבערג

די צוווייטע מאַמע

די צוווייטע מאַמע זיינע חזרט איבער אַלע גוטע ווערטער
פון זיין מאַמען,
דער טאַטע אַ פאַר'דאגה'טער, ווי געוועזן, איז צופרידן.
דאָך אין די אַדערן, דעם אינגלס בלוטן קאָכן, זידן —
נאָר בלייבן איינגעשלאָסענע אין צאַמען.

די שוועסטער זיינע פירט איר לעבן מיט איר אייגן מאַן
און קינדער,
נאָר אין אנבליק פון דעם אינגל, ווערט זי עלטער, גרויער:
זאָגט דער אינגל, „כ'וויל מיט דיר זיין". און אין טרויער, —
מיט'ן טאַטען, פרעמד איך זיך..."

די שוועסטער, זי קאָן וויינען, און קאָן שילטן.
שילט זי — נאָר אין באַהעלט די טרערן גייען —
זאָגט דער אינגל, „שילט ניט, שפּאַלט מיין קאָפּ אויף צווייען,
זאָל אויף מיר דאָס אומגליק גילטן".

פאַרמאַכט די דרויסן טיר דאָס אינגל, און באַם שוועל
ווילט זיך אים — די ערד זאָל נעמען זינקען.
ליכט פון פענצטער, און פון שטערן ווינקען —
און פון זיך אַליין, טראָגן אים די פיס, אָן לעבן.

מיין טאַטע

מיין טאַטע אויף אַ קאַרדאָנערנער קאַרטע —
אַ זכר אַז ער איז געווען.
ווי ערגעץ אַ מעשה געלעזן —
געדיינקט זיך אַ מענטשל מיט גלידער פאַרדאַרטע.

פלעגט קומען מיט אָוונט, בלייך. אָן פּרנסה,
פאַרנעמען זיין ווינקל — שטיל ווי אַ שטומער.
די מאַמע (וואָס האָט ניט געלעבט אין איר זומער)
פלעגט צוגיין, פאַרגיבענד אים טרייסטן — „נישקשה" —

פלעגט זעצן צום טיש, (אָן זיך ווי פאַרגעסן),
צום אָרעמען עסן, דאָס קליינע געזינדל.
זיין דאַנקבאַרקייט, ווי פון אַ הונגעריק הינטל,
פלעגט גלעטן די מאַמע, בעת ער פלעגט עסן.

טעג פלעגן ארויסגיין פון שטוב אין שווייגן.
נעכט פלעגן קומען, און ברייגנען טרערן.
זאָרג פלעגט אַרומגיין איבערן טאַטנ'ס שטערן,
ווי אַ ציטער איבער אַ בוים, וואָס פאַרלירט זיינע צווייגן.

לוי גאָלדבערג

עקסטרעמען

מיין טאַטנ׳ס אויסזען איז צו מיר אַריבער —
איך האָב גע׳ירש׳נט
זיין ווייכקייט,
זיין דינקייט,
זיין בלייכקייט,
זיין גרינגקייט,
זיין אומרו, זיין שווייגן.

מיין ברודער איז אין מאַמעס פורעם אַריבער —
ער האָט גע׳ירש׳נט
איר שלאַנקייט,
איר הייסקייט,
איר קראַנקייט
צו גרויסקייט,
איר חלום צו שטייגן.

מיין טאַטע האָט פיינט געהאַט געלט. ליב געהאַט ווייב.
און ליב געהאַט פאַרטרייבן זיין זאָרג אין צייט־פאַרטרייב,
פון וויגן,
א ניגון,
איבער׳ן אָפענעם בלאַט פון משניות.
נאָר אָפט שלאָגט זיך אָן, אָן זיין ניגון, מאַמעס
פאַרהאַלטענער כעס.

טרעפיקע קנייטשן,
געמען רייצן
זיין שטערן —
וואו נעמט מען אויף שבת?
נאָר גרינגער? — ווערט אים, א האָרניט —
טענה׳ט דער ניגון. — ניט זינדיק, מען טאָר ניט.

נאָענטע

מיין מאמע האָט פיינט געהאַט מאַן. ליב געהאַט געלט.
און תמיד געשפּונען דעם חלום — זיין נוצליך דער וועלט
גייט אויף איר טענה צום טאַטן
אין זיך — שטראָפט אים דער זינדער,
דערפאַר,
ווייל דער צער
פון די קינדער,
איז גרויס.
ווי די נויט אין הויז.
נאָר גרינגער? ווערט איר אַ האָרניט.
ס'קערט זיך אום פון טאַטן, איר טענה, מיט גאָרניט.

טרעפן צו רייכקייט,
פירן דעם ברודער, — ער איז קאַרג.
זיין זאָרג, איז ווי די משא פון אַ באַרג,
דאָך בענטשט ער יענע טריט,
וואָס פירן אים צום גאָלדענעם טויער.
איך בין אָרעם,
מיך חבר'ט מיין צער,
און פירן אונז וועגן צונויף
שטייט צווישן אונז מיין טרויער,
וואָס שווייגט ווי אַ חכם
אויף די רייד פון אַ נאַר.

לוי גאָלדבערג

CYPRESS HILLS

א

(די רייכע ערד וואָס איך באטרעט,
איז מיר אַ שטיף מאַמע,
כ'בין איר — זי מיר — דערווידער.
מיך פאַרטויבט איר רעש,
מיך דערהויבט איר רו,
צו דער שטילקייט,
וואו עס לעבן מיינע לידער.)

ב

ציכטיקער חלום, סייפּרעס הילס!
סוף אָרט, — וואָס ברייננגט צום שלום.
ערשטער אָנבליק, —
פירט אַרויס דעם קינא מכשף אין מיינע געדאַנקען.
ערשטער געדאַנק, —
ציט אַ פּאַראַלעל מיט דיר, און דער ריזן שטאָט
איבער וועלכער, אַן עראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן.
און געצייכנט איר — פאַר מיר — פון אויבן אַרונטער.
אין אַ מיניאַטור.
מיט פאַסן — פאַר גאַסן,
פּופּן־שטיבלאַך — פאַר מויערן.
ווי די מצבות, אויף דיין אויבערפלאַך.
אין מיין זעאונג ביסטו —
די ריזן שטאָט, פון אויבן אַרונטער.
וואָס טראַכטן די פייגל
וועלכע פליען איבער דיר —
ווי קליינע עראָפּלאַנען?

נ אָ ע נ ט ע

ג

דיינע טאָלן, דיינע בערג, —
אַ צוקנייטשטער קאָרדאָן.
גרינען זיי מיט געשווירענעם גראָז
צווישן פאַסן גראַניט
ביז שניי פאַל.
נעמען, פון גינסבורגס, מעלצערס, און שטיינבערגס,
אויף רו שטיבלאַך, מאָנומענטן פון שטיין.
פאַר, און אויף די טרעפ, פון די בערג —
מצבות אין רייען.
ווי שטענדערס, אין שולן אַליין.

ד

ציכטיקער בית עלמין!
גיט קיין שרעק פאַר דיר —
נאָר אַ פרייד,
צום רו וואָס איז דאָ,
מיין רו ווען דאָ קומען,
זאָל קומען מיין רו, וואָס דאַרף קומען.

לוי גאָלדבערג

שטעט

אומבאקאנטע, לאסנדיקע שטעט. דערמאָנט אייך ווער —
שוויינ איך. נאָר מיין נייגער, ווי צו א שקלאף אין צוואנג,
שטראָפט מיך, וואָס איינטאָניס גייט מיין לעבנס גאנג —
מיט בעטלערישע טריט.

יאָרן פון מיין דאַ־זיין, האָבן אויפגעשטעלט פיר צאמען —
א תפיסה פאר מיין פאר׳משפט לעבן — פון דאנען
ווייס איך ניט, צי כ׳וועל א פרעמדע שוועל אריבערשפאנען,
דערפרייען מיין געמיט.

צאמען מיינע, ברעכט זיך! — ווערט צופאלן!
מיין נייגער — א תפילה׳דיקער געבעט —
גריסט, און קושט, פרעמדע טויערן פון שטעט,
וואו מיין ביינקשאַפט צים.

מיין מידקייט

נאָך דער אַרבעט דראַפּען זיך מיינע פּיס אויף טרעפּ,
וואָס פירן מיך צום אויבערשטן גאָרן.
נאָך מיר גייט נאָך מיין מידקייט, אַן איינגעהויקערטע
פון יאָרן —
דעם פּנים איינגעהילט אין שוואַרצן קרעפּ.

אָן די טירן צעשלאָגן זיך און פאַלן אָפּ וואָכעדיקע ווערטער.
וואָכעדיקע שכנים, יום־טוב'ן דעם אָוונט.
ווער עס עפנט אויף אַ טיר—דעם באַגעגנט מיין „גוט נאָוונט"
מיין מידקייט, מיין געהויקערטע, היט מיך ווי אַ וועכטער.

מיינע קינדער, מיט'ן חוש פון גוטע הינטלאַך, שטייען שוין
און גרייטן
צעשפּרייטע הענטלאַך און מיילער. זיי באַפאַלן מיך מיט קושן.
איך זעץ זיך — ס'קנוילט זיך איין ווי אַ קאַץ, בא מיר צו פוסן
מיין מידקייט מיין געהויקערטע, וואָס שמידט מיך אין קייטן.

מיין פרוי מיט וואָכעדיקן אומעט, ווי אַלע פרויען אין
די שטיבער.
נעמט גרייטן באַלד דעם טיש, און רעדט, פון היינט און נעכטן.
שעה'ן גייען צו דער נאַכט, און ס'נעמט אַרום מיר זיך פלעכטן,
ווי אַ זונה, מיין מידקייט, מיין געהויקערטע, איך גיב זיך
איר איבער.

לוי גאָלדבערג

אָוונט אומעט

אָוונט אומעט, מיט דער בלענדיקייט פון ליכטער,
(פאַראייניקטע עקסטרעמען.)
ראַנגלען זיך. — פאַר גנעמיטער, און גנזיכטער,
ווי פאַר'ן שלאָף, אויגן מיט די ברעמען.

נאַסן לאָמפּן, ווי אויף קאַראָמעסלען געבויגן,
ליכטיקן אין פינסטערן סכנה.
איבער זיי — די זילבער פּיילנבויגן —
וואַרפט פון הימל טעלער, די לבנה.

ראַשיקער געפּילדער און געלעכטער,
הילכן אָפּ אין וואַנט, צו מיין דערווידער.
עלנט מיינער, שלאָגט זיי מיט די ווערטער —
פון מיינע אומעדיקע לידער.

אינדערמיט

צי שפּיל איך, צי לעב איך איבער דאָס וועזן פון טאַטן,
בעת איך גיי מיט מיינע קינדערלאַך אין דער גאַס,
(צוויי קליינע קינדערלאַך, וואָס גרייכן בא מיינע היפּטן) —
איך ווייס ניט. מיינע אויגן צאָלן מיט ליבשאַפט. מיין
הארץ זעטיקט מיט ליבע־רייד זייער מאַנען;
אָפט דוכט מיך, איך חזר איבער רייד פון הייליקע שריפטן.

שפּאַציר איך אין אַ פרייע שעה, — גייען רעכטס און לינקס
מיינע קינדערלאַך, זיי פרעגן וואָס.—קוואַליגע רייד
ניי אָפּגעפרישט, נידערט מיט קלאַנג צו זיי, ווי אַ זמר.
צי וויל איך עס? צי שפּיל איך עס? איך ווייס ניט. איך
אין דערמיט פון מיינע קינדערלאַך בין אַ וואַסערטרעגער,
וואָס טראָגט אויף אַ קאַראַמעסעל צוויי פולע עמער.

לוי גאָלדבערג

שיינקייט

שיינקייט, אין אַלץ וואָס איז דאָ אין מיין שטוב,
אפילו אין די פשוט'ע מעבל.
שיינקייט אין בילד וואָס הייננט אין מיין קיך —
אַ וואַלד, פאַרטרונקען אין נעבל.

שיינקייט, באַם שויב, די וואַזאַנע אין גרין,
ווי פעדערן — בלעטעלאַך גלאַטע.
שיינקייט, דער זכר וואָס שוויינט אין דעם בילד —
דער לאַנג שוין פאַרגעסענער טאַטע.

שיינקייט, פון וואַנט, מיט פרץ פּאָרטרעט —
מיין ליד זאָל אים אייביק דערמאָנען.
שיינקייט אין שראַנק, מיט די ביכער, דערביי —
ווערטער שיין אויף מיין נאָמען.

שיינקייט, די ליבע פון זון, צו דעם בוך.
מיין טעכטעריל'ס פלאַפלען, און ריידן.
שיינקייט אין הייליקן וואונטש פון מיין פרוי:
„נחת דערלעבן פוןביידן."

משפּחה

קומט אָן אַ בריף פֿון זיי — איך קוש אים —
צי רופֿט מען מיך — איך בײַט מײַן אָרט.
מיך ציט צו זיי מיט אַלע מײַנע חושים,
צום פּראָסטן אומגעהובעלט וואָרט.

מיט זיי איז יום טובֿ דאָ. בײַ פֿולע טישן
פּרעפּלט מען, און ס'מאָנט אַ קינד אַ לוסטע ברויט.
אַ וואָרט, נישט מער, — יוגנט נעמט זיך אויפֿמישן,
פֿאַרגעסנקייט — גייט אויף פֿון טויט.

כ'בין ווײַט פֿון זיי. איך ריד אין ריטמען.
און זיי, איז פֿרעמד מײַן זין פֿון זײַן.
נאָר קומט פֿון זיי דאָס וואָרט, אָן אָרימער, אָן מיטלען,
גייט אויף פֿאַר מיר אַ גליענדיקע שײַן.

מיט זיי איז זיכערער מײַן צווייפֿל וואָרט: „מסתּמא",
מיט זיי איז אַלץ נאָך דאָ אָט דער „נישטאָ".
ס'ווערט אויפֿגעלעבט מיט זיי, מײַן שטוב, מײַן מאַמע,
און אָט יענע אייביק בייַנקנדיקע שעה.

לוי גאָלדבערג

דריי פּאָרטרעטן

מיין וואוינונג איז אַן אָרעמער.
דריי פּאָרטרעטן —
פּאַר'יום־טוב'ן מיין אָרימקייט.

איינער —
פּרץ, באַ זיין שרייב טיש.
ביכער — אָנצאָליקע מאַנוסקריפּטן —
שאַפונג פון זיין גייסטרייכן געדאַנק.
(איצטער ליגן זיי באַ מיר אין ביכער שראַנק.)
שרייב געצייג מיט קונסטפולע אַנטיקן.
(שפּייז, פאַר אויסערגעוויינלאַכע אינסטינקטן.)
און איבער זיי — צי אין דער מיט פון זיי —
זיין קרעפטיקע פיגור,
מיט ווי,
אין ווייטע אומעדיקע אויגן.
(גאָט!
נעם ניט אַפּ
פון מיר דעם צער, — וואָס איך קען מיין קאָפּ
פאַר אים שטיל בויגן.)
מיין טייערסטער פּאָרטרעט.

דער צווייטער —
דאָקטאָר בילד.
דאָרטן ציילט אַ דאָקטאָר לעצטע רגע׳ס פון אַ קינד.
ליגט זי — קרויזן האָר באַם ראַנד פון בעט, — צולאָזן.
און די מוטער —
הענט — פאַרבראָכן —
קאָפּ, און האַרץ — צום פלאַך פון טיש — אַראָפּגעלאָזן —
אַ צובראָכענער רייף —
וויינט אויף איר שוואַרצן מזל.
און ווי אַ בוים — די צווייגן אָפּגעבראָכן,
פאַרלענדיט,
וואַרט דער פאָטער, דאָס לעצטע אויפצונעמען, —
אַ לעמפּל טונקל ברענט.
(און ווי די אָרעמקייט איז אויסגעמאָלן.)

דער דריטער —
האָט באַ מיר קיין נאָמען ניט,
נאָר איז הייליק ווי אַ לעגענדע, וואָס האָט קיין לאָגיק ניט.
אפשר איז עס פּאַגאַניני?
אפשר גאָר אַ גאַסן שפּילער,
וועמען פרעמדע — אין שעה'ן פון באַרווישונג,
האָבן צופעליק אַריינגערופן,
פּרואוון
שטימונגען צו טוישן?
בייט ער דאָס אויס, זיין געטלאַכן טאַלאַנט,
פאַר אַ צענער,
צי פאַר אַ פערציקער.
(גאָט מיינער! ווי די בלייבע מיידל ציטערט,
אין די אָרעמס פון איר פאָטער.
און ווי דער קאָפּ פון יונגן מאַן, ליגט איינגעקלאַמערט
און קלין פון זיינע דאַליאָנעס.
און דער יונג באַם וואַנט —
ער איז שטאַרקער נאָך פון אייזן,
וואָס ער קען באַווייזן,
ניט צו ווערן איינגעטשאַדעט פון פּאַפּיראָסן רויך.)

מיין וואוינונג איז אַן אָרימער,
דריי פּאָרטרעטן —
פאַר יום־טוב'ן מיין אָרימקייט.

מיין וואַזאָנע

דער שיינער אויסזען פון מיין יונגער וואַזאָנע,
(וואָס איז אגב פון מיינעם אַ חבר אַ מתנה)
איז אַ וועלדעלע אין אַ מיניאַטור,
איינגעזייט אין אַ טעפּעלע ערד.
אַ הייפעלע פון דער נאַטור
אויף מיין פענצטער.
יעדע צווייגעלע — ווייך און דין,
הויך און גרין,
מיט בלעטאַלאך גלאַטינקע
ווי פעדערן פון אַ יונגע הינדעלע.
כ׳קוק צו — און זע —
ווי געמערט
קומען אַרויס גרינע אַרבעס קעפּעלאך
אויף די צווייגעלאך פון טאָפּ ערד.
זינגעריש הייבן זיך, צווייגעלאך אַרויף,
נאָכגיביק הייגט זיך אַ צווייגעלע אַראָפּ —
מיט בלעטאַלאך געל.
ס׳איז אַ פרייד
ווען יונגעטשקע צווייגעלאך קומען ׳אַרויס.
און ס׳טוט וויי —
ווען עלטערע טריקענען אויס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לוי גאָלדבערג

מיט שנייען

שנייעלאַך פֿלינק מאַכן פּליטה
פֿון ברויגעזן, טאָגיקן הימל.
גאַסיקער, רווישיקער טומל —
האָט אויף מיר איצטער קיין שליטה.

ס׳היט מיך אַ טרייער פֿאַרמעגן —
מיין איינציקער חבר, דער טרויער.
ער שטייט, ווי אַ שומר באַם אויער —
און שטילט איין דעם רעש, פֿון די וועגן.

געוועזן געפּענטעט אין ריגל.
ערד האָט געצויגן, מיט צוואַנגען.
פּלוצים — די ריגלען צעגאַנגען —
און כ׳טראָג זיך אין לופֿטן אויף פֿליגל.

צעטיילט זיך מיט אַלץ וואָס דערנעבן.
געוואָרן צו שנייען אַ חבר.
איך — מיט די שנייען, — אַ בראַווער —
דריי זיך אַריבער דאָס לעבן.

AUTOMAT

די פליגלדיקע מילראָד־טיר, דאָ מאָלט דעם טאָג יאָרידיש.
דער שווינדל־דריי שאַפט מאַסן־שפּיל, רייך און סצעניש.
די לופט־געזשום, און וואָרט פליט אום, אָט, קלאַנג פון
רײנעם אידיש.

אָט קלאַנג פון ענגליש, שפּאניש, און זון פאַרברענטער
איטאַליעניש.
דאָ, זעטיקט זיך ניו יאָרק, טויזנט־גלידערדיק, מיט רעש'ע
זיטן,
מיט אימפּעדיקן שפּאַן, צו טומלענדיקע טישן, שטולן.
דאָ, רודערן, און שווימען הענט מיט פינגער־פּליים—געניטן—
און בייטן גרויס־געלט אויס, אויף קליינע פינף־סענטיקע נולן.

טאָג'ס שעה'ן שפּילן דאָ דעם ווידער־אָנהויב, און טוישן
זיך צווישן עולם.
צום אָוונט־צו דרעמלען זיי, מיט נאַכטיקע פאַרווײלער;
דאָ, האָט אַ געץ, אַריינגעפּאַסט דעם געלד־גייץ אין אַ גולם —
שלינגט ער בליי, און שטילט דערמיט דעם הונגער פון די
מײלער.

לוי גאָלדבערג

אַ נאַכט אַזאַ

א

כ'האָב אָפּגעגנאַרט אַ נאַכט, און ניט געגאַנגען שלאָפֿן.
עס איז די רו פאַרביי מיר, דורכגעלאָפֿן,
און ווי אַ פֿליג צו אַ ברעקל שפּייז, —
צוגעקומען. אַרומגעדרייט זיך אין אַ קרייז,
און באַלד צו אַנדערע אַוועקגעשוואומען,
וואָס זיינען אויך אַהער, — איר אָפּנאַרן געקומען.

ב

און אַלץ איז דאָ, געזאַנג מיט וויין.
אין קנוילנדיקן נעבל וויקלען אַלע זיך אריין.
מיט די פֿלאַנטערדיקע רייד. און גלעזער קלאַנגען,
טומלען, רעשיקע, הוהאַאיקע געזאַנגען.
מיילער רויכערן ווי קוימענס, — שטייגן
קלעטערדיקע זיילן, אַריבער רייד, און שווייגן.

ג

דאַמע, לאַכט ניט פון מיין שווייגן!
דאָס איז דער סוד, פון מיין אומעדיקן לעבן.
רעדעוודיקע שפּילן —
צילן צו דערגרייכן.
שווייגנדיקע, — פילן,
און נעמען מיט אַ צייכן
אפילו פון אַזאַ, וואָס קען איראָניע געבן.
דאַמע, לאַכט ניט פון מיין שווייגן!
מיין האַרץ וועט אייך קיינמאָל ניט פאַרגעבן.

נ אָ ע נ ט ע

ד

פרעמדער בחור —
גוטער, אייגענער ברודער.
דיינע וואונדן — רייד...
מיינע — אין באַשייד.
וועל איך קוקן דאָ, אין שפּיגל,
זען אַ שטומען, זיך, באַם קריגל,
ביז אין שטייגן פון מיין וויי.
דוקה, ווייל ס'איז שווער אַזוי...

ה

נאָר איך און דו
גאַסן, אין קאָלדרעס, דרימלען פון רו,
און ווערן, אין ברייטן אינדערמיט,
פון לאַנטערין, און לבנה געהיט.
שלאָף, באַ אונז, איז ניטאָ.
מיר לעבן, אין אַ טויטער שעה.

CLEO DANCES TO-NIGHT

אַ גאַס, אַ ראָג, און ווידער גאַס, און ווידער ראָג.
מויערן, און אַלץ אַרום: — אַ שטיינערנער אַרכיוו
צום זינקען: — מיט מיר,מיט אַלע דאָ, אין דער טיף. —
אַ געפיל אַזאַ. בעת דער עלנד הייגט אויף מיר, ווי
אַ שווערע וואָג.

בעת דער עלנד הייגט אויף מיר ווי אַ שווערע וואָג,
הויבט זיך אויף מיין קאָפּ, שלעפּט די וואָג אים באַלד אַראָפּ.
אַראָפּ — ווי אַלץ וואָס פאַלט פון לעבן אָפּ.
אַ גאַס, אַ ראָג, און ווידער גאַס, און ווידער ראָג.

אַ גאַס, אַ ראָג, און ווידער גאַס, און ווידער ראָג,
אַ טומל קייקלט זיך און שלעפּט זיך נאָך, נאָך מיר.
ווי איך, — פאַרקייקלט ער זיך ניט, צו קיין טיר.
און אָוונט גייט. אַ סימן דער לאַנטערין דאָ באַם ראָג.

און אָוונט גייט. אַ סימן דער לאַנטערין דאָ באַם ראָג.
זיין קאָפּ, — אַ ברענענדיקער פאַקל — קוקט הויך און ווייט.
און ליכטיקט אַ פּלאַקאַט: — CLEO DANCES TO-NIGHT
אַ ליבער גרוס, מיך פירט צו איר, אַ טונקעלער, — דער טאָג.

כ׳וועך גוף

אַן אביסל יום טוב שטארבט מיין גייסט.
כ׳וועך גוף.
דורכאוים גוף.
פרוי. נעענטער צו מיר!
דרייסט —
גייט אויף מיין פארלאנג — נאָך דיר.
איך הער אַ רוף —
פון גוף.
דער רייץ פון דיינע אויגן,
איצט צינדט ניט מיין געמיט.
פרוי, מיין רעגנבויגן!
מיין קאָפּ פאַר דיר —
איז גרייט זיך נויגן,
און פאָלגן דיינע טריט.
נעם מיך אויף! —
כ׳בין גוף. — — —
ווען כ׳האָב קיין יום־טוב ניט.

מיין אויג, קוקט איצטער ניט פאַרביינקט.
איצט, בענטש איך יענע שעה —
ווען גאט האָט אדמ׳ען אַ פרוי געשיינקט —
אַ שפּיל, ווי פאַר מיר, אַט דאַ.

לוי גאָלדבערג

לאַסט

טעג מיינע!
ווי שמאַטע־קלייבער,
קלייב איך אייך.
בינד אייך.
וואַרף אייך אַריין אין אַ זאַק,
וואָס איז לאַסט אויף מיין פּלייצע.
איר רעוואָלטירט, ווי געפּענטעטע פייגל.
וואָס שרייט איר?
ווען שלאָף שפּרייט זיך אויף מיינע ברעמען, —
לייג איך אייך צוקאָפּענס,
היט אייך,
און איר גיט מיר קיין רו ניט.
וואָס וויינט איר?
איך קלייב אייך,
רייניק אייך,
טראָג אייך צו געשיכטע.
און איר בויגט מיך —
ווי אַ פאַרזשאַווערט אייזן. —
כ'וועל זיך איבער ברעכן.

* * *

וואָס נעמסטו מיט מיט זיך, ווען דו פאַרלאָזט אַ שמחה? —
איך נעם מיט, מיט זיך,
אַ פרייד — אַן אפּגענאַרטע —
אַ מאָל — אַ פּנים פון אַן אומבאַקאַנטן —
אַ מאָל — אַ כשוף ניגון —
און אָפטער אויך פּיקאַנטען טעם פון וויצן;
דאָך מערער, מערער,
אייגענעם טרויער,
וואָס בלייבט מיט מיר אין שכנות זיצן,
און לאָזט דעם שלאָף ניט צו.
וואָס נעמסטו מיט, מיט זיך, ווען דו פאַרלאָזט אַ שמחה?
כ׳נעם מיט, מיט זיך —
געשטער פון אינערלעכער רו.
אַ ווייטיק פון געמיט.
אַ בייַנקשאפט נאָך אַ ליד.

ל ו י ג אָ ל ד ב ע ר ג

פון צוויי אַ קול

א

יאָרן — באָבעס אַלטינקע —
זיצן, אין די ווינקלען פון מיין מוח,
זיפצנדיק,
און מיט פינגער קאַלטינקע,
שפּינען זיי מיין עלטער.
האַ, האַ, האַ,
דער מוסר — מיין כוח,
זאָגט עס מיר אָן.
און וואָרנט
מיט ווייסן קרייד אויף מיין קאָפּ.
לייקן ניט אָפּ!
איך טראָג עס ווי אַ פאָן,
אין דער צווישן צייט —
פון שלאָף אַרויס, און שלאָף אַריין,
און ס'קען זיין —
אַז באַלד, באַלד,
וועט אַ שעה, — אַן אַלטיטשקע, —
זיך זיפצנדיק פאַרכלינען —
און פינגער קאַלטינקע,
וועלן אויפהערן צו שפּינען.

ב

א שעה פון טאָג
האָט מיך איינגעשרויפּט אין שטול,
פאַרצויגן מיט א טיול,
און פול
איז די שטוב געווען מיט ,איך',
נאָר, זיך, זיך, זיך;
און מיט אמאָל,
פון צוויי — א קול —
מיט רעש,
פון גאַס,
אין שטוב אריין —
בלינדער צופאַל!
האָסט גאָר ניט געזען,
ווי גרוים די קינדער דיינע וואַקסן,
און הויבן זיך פון מאַמעס אַקסלען
צו דיר אריבער.
און אָט — צופאַל איך זיך
ווי ווענט פון אַלטע שטיבער.
אוים, זיך, זיך, זיך.

לוי גאָלדבערג

ג

כ׳וויל שוין זיין, איינער פון די לאָגלען,
וואָס מיין לעצטער טאָג וועט טראָגן
אויף זיינע אַקסלען —
דער צייט אַנטקעגן.
און כ׳וויל —
אַז מיין אויפגעשוימטע מידקייט,
זאָל זיך ניט גיסן איבער לאָגל ברעגן,
צו מיינע קינדער אַריבער.
איך בין מיד! איך גיי אַראָפּ,
אומגליקן, פּאָכען איבער מיין קאָפּ.

הייליקער אומעט

טרעפט אַ צייט, איך פאַל ווי אַ פינגער
פון עול, וואָס שווערט מיינע טריט.
ווען איבעראַל — גייט ווי אַ זייגער
דער קלאַנג, פון דעם אידישן ליד.

יעדן זינגער, באַ'חוזק'ט אַ בטול,
אַז יעדער ווי איך, איז אַ נאַר.
אויף שטויב, צעררייב איך דעם קוויטל —
וואָס טיטולט, דיכטער — מיין צער.

מיינע לידער, ווי ביינדלאַך פאַר קינדער,
נאָכ'ן שפּיל — צום גיוועץ אַרויס.
און אַלץ וואָס געווען — האָט אַ בלינדער
געטאַפּט, פון דער פינסטער אַרויס.

אַז אַ הייליקער אומעט באַנעמט־מיך
אין אַלייניקן זיין, צי אין גאַנג.
צורינט זיך מיין בטול, וואָס טעמפּט־מיך —
און אַלץ אַרום מיר ווערט געזאַנג.

עס הויבט זיך פון ערד אויף דער פינגער,
קלאַנג, ווערט מיין מידער געמיט.
און עס גייט דורך דער וועלט, ווי אַ זייגער,
אויך דער טאָן פון מיין געזונגענעם ליד.

לוי גאָלדבערג

רייזען אין מינסק

ניט פון מאָסקווע,
ניט פון דווינסק,
ניט פון כאַרקאָוו —
נאָר פון מינסק
אַז דו רעדסט —
איז ניטאָ פאַר מיר קיין שענערע לעגענדע.
ביסט ד ע ר קינסטלער
וואָס מיט דיין וואָרט,
האָסטו, פאַר מיר, געמאָלן אַנהויב,
וואו געווען איז — ענדע.
זע, איך גיי דיר נאָך,
פאַרנעם אַ נייע וואָך,
אַ נייעם נאָמען,
אויף אַלטע גאַסן,
מויערן,
און קראָמען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב אַ שוועסטער,
לעבט זי דאָרטן, אין גוטער, אויפגעקומענער עלטער.
טעג, וואָכן, יאָרן.
ס'ווערן ניט קעלטער,
די גרוסן,
די קושן,
אויף פאַפיר צו איר ברודער.
כ'האָב איר אַ בריוו געשריבן,
און פאַר'חתמ'עט, מיט אַ מאַרקע.

נ א ע נ ט ע

כ'האָב געמאָלדן —
רייזען קומט אין מאָסקווע,
קומט אין כאַרקאָוו,
נאָר מיט גערודער
וועט אים אויפנעמען — מינסק.
מענטש, און גרויסער דיכטער,
איז ער אויך דער בעסטער
אויפנעמער. — נעם אָפּ
אַ גערוס באַ אים,
פון מיר, 'שוועסטער'.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזאַ ווי איך, — מיין שוועסטער,
דינט איר די באַשיידנקייט פאַר אַ צאַם.
אַ שטח צווישן דיר און איר,
צוטיילט ווי אַ ים.
איז, פון היים אַרויס, זי לייענט דיר,
אַלץ — וועגן דיר —
און עס וואַקסט פרייד אין איר ווי זאָמען.
ווערט אויך דערוויילֿ
געהייבענער פאַר איר,
מיין נאָמען.
אַ לויב צו דיר.
דו האָסט מיר פאַר מיין שוועסטער
ניט פאַרשעמט...

מיין ליבע צו מינסק

א

גרויס וואונדער שטאָט מינסק, בעת דו נאָכ׳ן גרויסן שאָדן,
בויסט זיך אויף ס׳ניי אויף, מיט פרישערן, געזונטערן לעבן,
איז דער מזל מיינער אזאַ: — צו טרעטן פרעמדן באָדן —
און נעמען פאַר גוט אַלץ, וואָס פרעמד קען מיר געבן.

איז דער מזל מיינער אזאַ — זיך צו בינדן מיט דער פרעמד
און ווערן דאָ איינגערייפט מיט שטאָלענע רייפן.
דאָ קויף איך ברויט, און צום ברויט, פאַר מיין גוף אַ העמד,
און אַ היים.—נאָר ס׳איז ניט קיין היים ווען מ׳דאַרף זי קויפן.

איז מיין בייִנקשאַפט צו דיר, — ווי האָפנונג פאַר אַ קראַנקן.
אויפקומען דורך וואונדער, אומקומען דורך סיבה;
טעג מיינע, — אַ בייטש פאַר מיינע געדאַנקען —
נעכט מיינע, — אַ בייִנקען נאָך דיין ליבע.

ב.

פון דיינע גרויסן נעמט מיין בלוט אין מיר קרעפטיקער
פולסירן.
איז זע דיך איבער וואקסן ריזיק, איבער אלע שטעט ;
אדעס, צי ווילנע, וואו איך זאל דיר איצט ניט פירן —
ביסטו פאר זיי — א הערלאכער פארטרעט.

איך בין א קינד פון דיינע הינטער גאסן, (מיינע פיינען, —)
מיין היים, — צווישן שטיבער נידעריקע, פון ארעמע לייט.
פון זיי האט זיך די פינסטער אפגעטאן. — זיי שיינען,
און זינגען ערד־לידער פון נייער צייט.

דיינע פעלדער, בלאטעס, שאסייען און א צאל ווערק
באזונגענע. — דא רויכיק, דא זשאריק.
איצטער פון די דיכטער דיינע — א דערוואיטערטער, לוי
גאלדבערג —
קוקט מיט קנאה אויף דיין דיכטער, איזי כאריק.

צו מיין חוש דערטראגן זיך די ריחות
פון דיינע סעדער, גאסן, און סאלאנען.
מינסק! מיין הארץ גרויסט זיך איצט פון יחוס,
און וועט זיך פרייען, בא דיין שטענדיקן דערמאנען.

לוי גאלדבערג

II.

שאָטן שכנים

נעגער מוידן

נעגער מוידן, צו דער אַרבעט, טראָגן מיט, מיט זיך דעם
פראָסטן אָנדערוואָכן.
גייען איינציקע, באַזייטיקטע, וואַרפן בליקן צו די שוועלן;
צווישן גאַנג דעם מיידלשן, דעם וויגענדיקן, מיט ווייסן
רייץ פון יום־טוב —
זיינען זיי — די שאָטן שטריכן, פון פרימאָרגנס
קינסטלערישע געמעלן.

רייבע שטאָט — אַ לאַסט אויף זיי. אויף זייער טונקל הויט,
און אַלטע קליידער
זאַמלען זיך די שטויבן, קריכן אין די בעטן;
און קויפט זיי אָפּ אַ טאָג, — ווערן זיי פיר־פיסיק, שאַרן
קניען איבער דילן
און עסן שטויב, פון אָפּגעלאָזענע פאַרקעטן.

נאָר טרעפט, — ס'ברייננגט אַ שעה פון מיטן־טאָג זיי
אויספוצן די פענצטער.
זיי פאַסן זיך אין ראַמען — און דורכ'ן גלאָז, די שאָטן־
שבנים, קוועלן —
קומט די זון מיט ווייסע לענטעס, פלעכט זיי צעפּ —
זיצן אויף פאָרטרעטן
קאָרענע כלה־מוידן, מיט אַ רייץ, — אויף צו געפעלן.

לוי גאָלדבערג

אין אַ נעגער קוואַרטאַל

א.

זון, האָט צושמאָלצענעם קופּער, —
אַרויפגעגאָסן אויף פּנימער, און לייבער.
איז געוואָרן
נעגער מענער,
נעגער ווייבער,
און נעגער קינדער.
בלינדער צופאַל
האָט זיי אַריינגעטריבן אין אַלטע הייזער,
קרומע, אָפּגעלאָזענע.
שטייען זיי, פאַר דער שטאָט ווי בעטלער.
געטוליעטע,
מיט בלינדע פענצטער.

ב

ווי פּליאַמעס
אויפֿן ליכטיקן דרויסן
זיצן באַ די שוועלן, נעגעריגס מאַמעס
מיט עופּה׳לאַך אויף די שויסן.
(אָפּענע יאַקלאַך ווייזן בריסט,
וואָס באַקן זיך אויף דער זון,
ווי קאַרענע ברויטלאַך.)
ס׳זיצן נעגערינס באַבעס,
באַ אָפּגעניצעוועטע קינדער־וויגעלאַך.
וויגן, און פֿאַרוויגן זיך,
מיט אַ קווישצענדיקן, פּלאַפּלענדיקן פֿאַרגעניגן.
נעגער אינגלאַך,
מיט די קרומע פּיסלאַך,
היינגען זיך אויף פּלויטן,
שפּרינגען פֿון די הויטן,
שווארצע אַפּלען, ווארפֿן פּיילנבויגנס.

ג

באַ די טירן
פון די שטויביקע קאָרידאָרן,
שווייגן נאָר
די נעגער־מיידלאַך אין די קינדער יאָרן.
דינקייט, —
ציט זיך פון די אַקסלען.
ביינקשאַפט, —
בלוטיקט אין די ווייסלען.

ד

באַ אַ ראָג,
צי באַ אַ קרעמעל
נעגער יונגען שטייען לײדיקע —
בילדן אַ געזעמעל.
פוילקייט
אויסגעזעצט, אויף הוילקייט
פון זייער גבורה.
אַלע פּנים׳ער — איין צורה,
אַלע ליפּן
זיפּן
דאָ געלעכטער, דאָ געשריי,
ביז דער טאָג,
ראָלט זיך ווי אַ ראָד אַוועק פון זיי.

ה.

נעגער־זונות,
באַ טומאַנע שויבן
גנבֿ'ענען שטיקער גאַס —
דורך צוגעמאַכטע לאָדן. —
רייצן ווייסע דורכגייער —
רייִדן מיט די אַפּלען....
— — — — — — — — — — —
ווייסע,
מיט תאווה'דיקע מינעס,
טרעטן דאָ, —
ווי אויף שפּרונגדזינעס.

ו.

אַרוים —
פון אַן אָפענעם פענצטער
אויף אַ לאַנגן האַלדז,
אַ ברוינער זקן־קאָפּ —
ווי אויף אַ וואַנט פון אַ ביליקן שיינק
אַ טויטער הירשן קאָפּ, — קוקט אַראָפּ,
שווייגט,
און בענקט.

לוי גאָלדבערג

אַ שלאָפנדע מאַלאַטע

ווייסע פּאַסאַזשירן. און צווישן זיי — אַ שלאָפנדע מאַלאַטע.
אַ פּאַרטשאַרעטער געדאַנק פאַלט אָן, און מאָלט אין רויך
אַזאַ, מיט הויט אָן פאַרב, ווי רויער לעדער בלייך,
איז טויט. באַן פירט צו קבורה איר אודאי.

שרעק. — פון ווינקלען שפּרייט זיך ווייסטע גבורה.
און גופים שטומע נויגן זיך, און ס'ליגן קעפּ, אויף הענט.
ליכט פון פינצטערניש, שרייען דורך די דרויסנדיקע ווענט:
—„מיר פירן דאָ אַ טויטען צו דער קבורה".

ווייסע פּאַסאַזשירן. און צווישן זיי — אַ שלאָפענדע מאַלאַטע.
רעש, צומאָלט פּאַרטאָג. באַן, עסט לאַנגע מײלן.
שטעלט זיך אָפּ, און נעמט זיך ווידער אײלן,
און הויבט זיך קעגן זון, — אַ זאַטע,
און גראָד, ווען איך דאַרף שטייגן צו דער טיר,
מאַלאַטע עפנט אויף די אויגן, און גייט נאָך מיר.

קרובה׳שאַפט

ס׳איז געווען איינגעשלאָפן מיין גערױנס,
דאָן,
ווען ס׳האָט מיך,
אין אַן אינדערפרי,
געפירט צו מי —
די באַן.
כ׳האָב זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק,
מיט אַנדערע אין אַ ריי.
וואו אַנטקעגן מיר, איינס נעבן ס׳אַנדערע,
שטום, געזעסן זײַנען צוויי.
אַ שוואַרצער — ער.
אַ שוואַרצע — זי.
און מאָדנע —
ס׳איז דאָך ניט צום ערשטן מאָל,
וואָס כ׳זע אַ בילד אַזאַ —
און געדאַנק; מאָלט ניט קרובה׳שאַפט.
נאָר דאָן, אין באַן,
האָט טיף אין מיר אַ הילך געטאָן, אַזאַ געשריי,
און וועגן זיי, —
אַז ס׳פאָרן דאָ, אין דעם גערודער,
ביידע ברויגעזע,
אַ שוועסטער מיט אַ ברודער...

לוי גאָלדבערג

אַכט מיידלשע שיך

א ראַדיאָ שפּילט, די זון אין געהעפּט.
און דאָ פּאַר דער גאַס, אַ שיך־פּוץ געשעפט.
פיר ניגערלאַך־פּלינק,
אונטער׳ן קלאַנג פון מוזיק —
פּוצן גרינג,
פּוצן גיך,
אַכט מיידלשע שיך.

און ס׳זיצן אין שיך אַכט מיידלשע פיס
און קליידלאַך אויף זיי — ביז די קני אין פּאַרים.
פיר־ניגערלאַך־פּלינק,
אונטער׳ן קלאַנג פון מוזיק —
פּוצן גרינג,
פּוצן גיך,
אַכט מיידלשע שיך.

און בערשטלאַך אין פּוץ, אַרויף און אַראָפּ.
אַזוי וואָלט געקושט — ברוין היציקער קאָפּ.
פיר ניגערלאַך — פּלינק,
אונטער׳ן קלאַנג פון מוזיק —
פּוצן גרינג,
פּוצן גיך,
אַכט מיידלשע שיך.

און פינגערלאך ברוינע, קנייפּן, גיך, גיך.
און טיכעלאך כשוּף'ן גלאַנץ אויף אַכט שיך.
פיר ניגערלאך — פלינק,
אונטער'ן קלאַנג פון מוזיק —
פוצן גרינג,
פוצן גיך,
אַכט מיידלשע שיך.

גלאַנץ פון אַכט אויגן, גלאַנץ אויף אַכט פיס,
אַ ראַדיאָ שפּילט, און לעבן איז זיס.
פיר ניגערלאך — פלינק,
אונטער'ן קלאַנג פון מוזיק —
ענדיקן גרינג,
ענדיקן גיך,
אַכט מיידלשע שיך.

לוי גאָלדבערג

III.

מאַטע שויבן

באַרג לעגענדע

באַרג־אַרויפיקע, באַרג־אַראָפּיקע ערד.
ס׳קען דאָך זיין, אַז אַזוינס האָט געטראָפן:
ריזן האָבן זיך אויסגעלייגט מיט די בייכער אַרויף —
און שלאָפן.

איצט דעקט זיך טאָג מיט אַ קאַלדרע צו.
שלאָף, טראָגט די זון, אין אַ גילדערנעם קויש.
אַ טאָל. איך רו. — מיר דוכט אַז איך זיץ באַ אַ ריז
אין זיין שויס.

אַ פּויער פּירט היי. (און איז גוט צו זיין פערד.)
איז זיכער, ווי וועג וואָלט געווען אַ גלייכער.
— פּויערל, היט זיך! דאָ שלאָפן די ריזן, מיט שפּיציקע
בייכער.
פּויער׳ל פאָרט, ערד אַראָפּ, ערד אַרויף,
ביז עס פאַרדעקט זיך מיט חשך זיין גוף.

לוי גאָלדבערג

דאָרף אידיליע

א.

ווי מאַטער גלאָז געשטופּלטער,
וועג ליגט גלאַט און ווייס,
ווי האָלץ געוויין באַם הובלעוועןן
ווינט אויף אים מיט שפּרייז.

דאָרף טאָגט אויף. און וועמעס ניט? —
יעדנס שטוב פאַרשנייט.
אויף שויבן זיצט א קלעמעניש —
—„ס'וועט זיין א טאָג אָן ברויט."

בעט מיט צער א כלאָפּעטע —
„גאָט זאָל זיין א סוף".
פון פירהויז מיט דער לאָפּעטע —
וועקט זי מאַן פון שלאָף.

ער — ווי אויף להכעיס איר
בלאָזט פון ליולקע רויך.
זי — מיט א צעקאָכעניש
ווייזט איר הויכן בויך. —

פאַרגייט אין טעג געהעכערטע —
ס'אַרט אים ניט דעם הונט.
— — — — — — — — —
ווינט אויף שניי געלעכערטן
גייט, און גלעט ערד'ס וואונד.

כלאָפּ נעמט צו די לאָפּעטע
„טייפעל'ס שפּיל, דו זעסט!"
צו דעם שיינק־הויז טאָפּעט ער.
איר, א ווייטאָג פּרעסט.

נאָענטע

ב.

דיקער רויך — א שטיקנדער
שפּאַרט פון וואַנט צו וואַנט;
שיכּרות גייט א ווינגדער
אַרום פון האַנט צו האַנט.

בלאָפ קומט אָן. א ציכטיקע
באַגריסט אים שיינקערס מויד.
דאָס פּנים איר'ס א ליכטיקע —
געשמאַק ווי פרישער ברויט.

פּאָר שיכּור'ע, דאָ, צייט פּאַרטרייב —
גראַמאָפאָן־געזאַנג.
רייצט אויף בלאָפען יונגער לייב.
פון היפּטען דער געזאַנג.

—„שיקסל דראָטן גייערין,
כ'וואָלט דיר אָפּגעגילט.
אין שטוב בא מיר א זויערע
מכשפה רק זי שילט".

— — — — — — — — —

אָוונט'ס גאַנג, א בערענער,
שטעלט זיך אומבאַמערקט.
א דערפל אונטער פערענעם
דרימלט צווישן בערג.

לוי גאָלדבערג

דאָרפס מויד

פון דאָרף ארויס, — אין שטאָט אריין. — ווי אין אַ פלאַש אַ קאָרס
פאַרזעסנקייט, אַריינגעזועצט אין טונקעלע פיר ווענט.
אַ קירבעס אויף די אַקסלען, דער קאָפּ אירער זיצט איינגעטעמט, —
און פון איר פאַרעלטערט גוף, הייגט אַראָפּ תאוה זאָרג.

פון פראָסטן קלייד, צו וואָקסענע, שפּאַרן זיך די לענדן.
און ס׳הוידן זיך ווי פּענכערס אָנגעבלאָזענע די ברוסטן.
די ליפּן, האַלב לבנה׳דיקע בייגל — שענדן
מיט חוזק־רייד יונגע בחורים, וואָס ווילן זי ניט גלוסטן.

ניט איינמאָל ברענט אין האַרץ באַ איר די קנאה צו יונגע מאַמעס.
ניט איינמאָל צינדט געדאַנק איר אָן, צו קינדער אַ באַגערן.
דאָס טרעפט: — ווען עס זיצט אין אירע דלד אמות
אַ בחור, צי אַן אלמן גאָר, אָן מאָדע, אָן מאַניערן.

בריף

טאָג טעגלאַך ווערט אַ ים מיט ליבע אַרויסגעשיקט אין בריף.
טאָג טעגלאַך ווערט אַ ים מיט האַס אַרויסגעשיקט אין בריף,
און אַלע ווערטער, זיי קומען דאָך מיט שוים פון טיף —
וואו געמיטער רודערן.

ווען צייטן קומען, און דערפירן בריף ביז צו נבואה,
ווערן זיי געצערטלט, ווי זויג־קינדער באַ ברוסטן.
אויגן שלינגען מיט הנאה באַלדיקע, און קומענדיקע גלוסטן,
וואָס געמיטער פיטערן.

און קומט אַ שעה, ווען בריף מיט צוגעזאָגטן אמת,
באַווייזן איבערבייט אויף בייזוויליקן ליגן. — כעס
ברעקלט זיי אין פייער. — שייטער־הויפן פאַרלענדן אויף אַש,
וואָס געמיטער שליידערן.

לוי גאָלדבערג

איבער אָרעמע צאַמען

(מיניאטור פּאָעמא)

א.

אָרעמער לעבן פאַסט זיך ניט אריין אין רייכע ראַמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף אונזערע מויערן הייגען ניט קיין באַלקאָנען.
שמאָלע פאַסן
הימל,
דאַכן.
באַנען קראַכן —
איבער אונזערע גאַסן.
קיין סאַלאָנען —
זיינען ניט אונזערע שטיבער.
טונקעלע, נידריקע, ווי גריבער,
ציטערן זיי פון קעלט'ס באַרירונג.
אונזער שטוביקע צירונג
זיינען די אינזעקטן,
וואָס מערן זיך פון שימל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָרעמער לעבן פאַסט זיך ניט אריין אין רייכע ראַמען.

ב.

ווען רייכער לעבן
גנב׳עט זיך דורך אונזערע צאַמען —
שטאַרבט אונזער פרילינג אויף זייערע גראָזן...
צו אונזערע טעכטער קומען דורך פאַבריק גראַטעס
די אילוזיעס! —
שימערירנדיקע זייפנבלאָזן —
פון זייער רייכן לעבן.
זייערע הפקר׳דיקע זין —
מאַכן אַ בהלה,
אין די געדאַנקען פון אונזערע אָרעמע,
מאַמעס און טאַטעס.

ג.

שמאָלע,
און קליינע,
ווי אונזערע באָבעס,
וואַקסן אונזערע טעכטער די מאַמעס ניט אַריבער —
אומעט פאַרטרייבט מען מיט פרעמדע לידער.
מאָדע, —
מאַכן זיי נאָך „ריסטאָקראַטישע“ דאַמען.
נאָר אַז גלגול פאַרפירט זיי איבער פרעמדע צאַמען —
בלייבן זיי אָפּגענאַרטע.

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען רייכער לעבן גנב׳עט זיך דורך —
דורך אונזערע צאַמען.

ל ו י ג אָ ל ד ב ע ר ג

בין השמשות

טעג פון וואָסערע זיבעציק יאָר האָבן זיך אָנגעהאנגען אָן דעם אַלטן.
קען ער זיך פון דער שווערער משא אויף זיינע פיס ניט האַלטן.
אָבער די אויגן זיינע האָבן גאָרניט צו טאָן מיט זיינע יאָרן, —
לויפן זיי ווי הירשן דורכן פענצטער, און ווערן אין ווייטקייט פאַרלאָרן.
וואָס ברייינגען אים צוריק זיינע אויגן ? אַלץ וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן
אין לעבן — אנטוישונג, און האָפן.
א זיפץ רייסט איבער זיין שווייגן ; דערווייילע זעט ער, ווי צונטער —
גייט די זון — א רויטע קלייבענדיקע באַלון — ארונטער.
מאָלט זיך אים עס איז א נול. און אזוי זעט ער זי אַלע טעג.
אין זכרון זאמלט זיך אָן בא אים, א נולן פאַרמעג.
נולן טראַכט ער — אמת טאָקע — נולן.
זיין קאָפּ פאַרקערט זיך אויף דער אַנדער זייט. זעט — ווי דורך שפאַקולן
שטרייינגט אָן זיין אַלטיטשקע די אויגן. נאָך די שפּיזלען וואָס שטריקן זאָקן.
נולן. — מאַכט דער אַלטער — ניט אזוי רחל ? וועקט זיך אויף די אַלטיטשקע דערשראָקן.
צוקט די אַקסלען, פאַרטיפט זיך ווידער דורך שפאַקולן, ציילט די אויגעלאַך,
איינס, צוויי, דריי, פיר, — — — פיר... פאַרפלויגן מיינע פייגעלאַך,
זי שטריקט ווייטער, ווייטער, איר טונקלט דורך די שפּאַקולן און בעט פייער צינדן. — — — — — — — — —

נ אָ ע נ ט ע

טעאַטער

(אײדער שפּילן)

שטום ווי העפלאכע היטער.
עלענט ווי מעבל אין א מוזיי
פון פארצייטיקע גיטער
די האלב־רונדע שורות מיט שטולן,
אומעט —
פון ליידיקע שולן.

(אינם שפּילן)

אַ טונקעלע שטילקייט
ווייעט איבער קעפּ.
און גייט
אויף פלאכע טרעפּ.
בינע, שפּינט דעם צויבער.
בינע, כשופ׳ט טרויער.
ליכט, מיט ראָזעווער קילקייט
צינדען געמיטער
מיט שטילקייט.

(נאָכן שפּילן)

געשליפענע לאָמפּן
פּאָמפּן
בליציקן ליכט.
גופים הויבן זיך,
פּראָצעסיע קריכט.
יעדער ווי אַ קינד,
מיט אַ וויג־ליד אין זיין וויגל.
אַנטציקונג לייגט איר זיגל.
פּאָרהאַנג — ארויף.
אראָפּ.
און ס׳בלייבט יעדע שטול —
אַ גוף אָן אַ קאָפּ.

לוי גאָלדבערג

אַפּישן

מענער, מיט ברודיקע טונקעלע הענט,
קלעפּן אַפּישן אויף ליידיקע ווענט.

דורכגייער ווילן, און יעדער באַטראַכט —
וואָס וועט פאַרטרייבן די לאַנגווייל פון נאַכט.

שטעלט אַ פאַרעלטערטע מיידל זיך אָפּ,
נעמט ניט איר אויג פון אַפּישע אַראָפּ.

דאָרט זיצט אַ מיידל באַם בחור אין שוים,
שלאָגט פון דער מיידל די קנאה אַרויס —

געוויס וועט זי קומען אַהינצו צו גיין,
גייט דורך אַ מאַן, — און אויך ער בלייבט דאָ שטיין.

זעט ער — ווי ס'זיצט אויף אַ ברעג פון אַ בעט
אַ פרוי. — נעבן איר — אַ מאַן מיט געבעט.

ווייזט מיט פינגער די פרוי אים די טיר.
לאַנג שטייט דער מאַן, און ער גיט זיך קיין ריר.

ווי ס'וואָלט זיך פאַרגאַנגענעם געוועקט אין זיין זין.
געוויס וועט די לאַנגווייל אים ברייגנען אַהין.

און איינער אַ בחור בלייבט שטיין אין זיין גאַנג,
און ווי דורך אַ מאַגנעט שטייט ער דאָרט לאַנג.

דאָרט טאַנצט אַ מיידל פאַרשייט אויף אַ טיש.
בלענדן אים אויפגעדעקט, ברוסטן און פיס.

אַרום זיצן מענער, און רוען ניט איין, —
און ס'טרינקט זיך די מיידל אין בעכערס מיט וויין.

צינדן זיך אָן בחור אויגן מיט ברען —
ווי ער וואָלט אַ גליקליכן חלום געזען.

נאָענטע

"LOONY"

א קללה האָט צעפּלאַצט דעם שווייגן.
האָט ער —
מיט מאָדנע ברומענדיקע קלאַנגען געשאָלטן זיך
און וועלט.
און אימפּעדיק, דורך גאַסן דראַנג,
איז ער געגאַנגען —
אי וויינענדיק, אי לאַכנדיק,
דעם קאָלנער אויפגעשטעלט.
זיין קאָפּ — באַהאַלטנדיק פון וועם —
האָט אויסגעזען.
ווי אַן אומרואיקער פוקס
אין קלין פון צווייגן.
און כיטרע,
ווי פון באַהעלטעניש —
אויג, אונטער ברעם.
(צורייץ עס, — קאָפּ שפּרינגט אויף,
און אומגיין וועט אַ גוף
וואָס וועט קיין קול ניט הערן.)
שטאָט געוועלטעניש —
ברויזט גאַסן רעש.
נאָך אים — קינדער שפּאַס:
אַטאַמאַבילן זשום,
אָוונט ליכט אין שורות.
און ער —
מויל מיט גרויל —
שפּאָט צו זיך: —
שילט שטאָט.
— — — — — — — — —
און פּאָר לאַנטערן ליכט
צייכנט זיך זיין צורה —
אַן אויפגעקלעפּטע צווילינג באַרשט
מיט שטעכיק דראָט.

לוי גאָלדבערג

פאָלקס מאָטיוו

א.

איז ווילסטו וויסן, שוועסטערל.
ווילסטו וויסן, דו? — —
ווארום עס גיט מיר ניט דער שלאָף —
גאַנצע נעכט קיין רו.

איז נעמזשע דו א בלימעלע,
דריק עס אין דיין האַנט —
האַלט עס אָפּ א שעה, און מער —
און ווארף עס אָפּ מיט שאַנד.

וועסט שוין וויסן, שוועסטערל.
וועסט שוין וויסן, דו.
ווארום עס גיט מיר ניט דער שלאָף —
גאַנצע נעכט קיין רו.

ב.

— און וועסטו צו מיין טויטן בעט,
מיין ליבסטן מיך, ניט קריגן.
וועל איך אין קבר, שוועסטערל —
ניט קענען רואיק ליגן.

— וואָס רעדסטו שוועסטערל דו מיינס.
ווי קען עס גאָר געשען ?
ווען איך האָב דיין געליבטן נאָך
גאָר קיינמאָל ניט געזען.

— אָ ברייננ אים צו מיין טויטן בעט.
און לאָז מיין האַרץ ניט ברענען.
די פרייד גייט נאָך, נאָך זיינע טריט —
און דו וועסט אים דערקענען

אַ דיכטער

גראַנאָווסקי׳ן

ער נאַרט זיך אָפּ אַליין מיט פרייד,
סתם געפונענע.
דאָך צווישן זיינע אַלע רייד —
גליק צורונענער.

ער טראָגט גאָטס וואָרט, און דינט מיט אים,
צום מוטיקן.
און טיילמאָל ווערט פון וואָרט אַ פייל —
צום בלוטיקן.

וואַקסט פאַר וועלט אַרוים אַ גייסט
אַ ליכטיקער.
פון נעבל שיילט זיך אוים אַ מענטש —
אַ וויכטיקער.

און אומעדום אַ וואו ער קומט — ער שפּרייט
דערבאַרעמקייט.
דאָך קיינמאָל האָט אַ מענטש ווי ער — געוויינט
נאָך וואַרעמקייט.

לוי גאָלדבערג

אַ לויב

אַ לויב צו דיר, פּאַפּיר.
מיין לעבן צייכנט זיך אויף דיר
דורך ליד פון מיר.

אַ לויב צו דיר, געדאַנק.
מיין געזאַנג
לייטערט זיך, אין דיין געפאַנג.

אַ לויב צו דיר, יום־טוב׳דיקער וואָרט.
דאָ און דאָרט
מיט דיר, מיינע הימלען.

אַ לויב צו דיר — דו
וואָס הערסט מיין ליד.
און ווערסט איר קנעכט.

אַ לויב דעם "זיין" אין מיר,
וואָס שווערט —
צו טורמען מיין ווערט.

IV.

מעשׂות און באַלאַדן

דער בלינדער מצבה קריצער

מצבות געקריצט האָט דער אַלטער,
פאַר פרעמדע, פאַר קינדער, פאַר ווייב.
בלינד איז ער, — וויגט אים אַ קאַלטער
דער וויג־שטול, — זיין צייט פאַרטרייב.

עס פאָרן זיך מידע די וויעס,
שטוב ווערט צושמאָלצן אין רו.
טאַבאַק צו נאָז לעבער, חיות
ברייננגען די פינגער אים צו.

דער טאָג איז אַ לינדער, סוף ווינטער.
עס דעקט אים דער שירעם פון נאַכט.
שטול וויגט אים — און שטייט אים אויף הינטער
אַ קאַלטער, דער לעצטער פאַרנאַכט.

שטול וויגט זיך, באַמיט זיך, און ס'וועקט זיך
דער אַלטער, פון נויג, און פון בויג.
מיט חושך דער פענצטער באַדעקט זיך —
אַ בעלמע באַזעצט אויף אַן אויג.

רגע'ס מיט שטאַרבנדן רעגונג,
אַ בילד קלאָר באַליכטיקט זיין קאָפּ,
וויג־שטול בלייבט שטיין אָן באַוועגונג.
ער גייט צו זיין חלום אַראָפּ...

נ א ע נ ט ע

ער פירט זיך דורך שטיבער, דורך שטאָלן,
דורך וועלדער, דורך פעלדער, אָן שיין.
און וואו נאָר ער טרעט, דאָרטן פאַלן —
זיינע טעג, אין די קברים אריין.

אליין — און ער בעט ניט קיין טובות —
באַמיט זיין געבויגענעם גוף —
שטעלט ער איצט זיינע מצבות
אויף אייגענע קברים ארויף...

לוי גאָלדבערג

דער שלים־מזל
(אַ פֿאָלקס מעשה)

א.

שמעון שטייט באַם גרויס פֿאַרמעגן,
ווי אַ קאַפּיטאַן באַם רודער,
זאַנוויל קלייבט פֿון גאַס די שמאַטעס —
זאַנוויל — ער איז שמעונ׳ס ברודער.

שמעונ׳ס ווייב איז מען מקנא.
פּערל, זילבער, רייכער לעבן.
אַלדאָסגוטס. נאָר דער אַלהערשער
האָט פֿאַרפֿעלט אַ קינד איר געבן.

זאַנווילס ווייב האָט בלייכע באַקן.
און אַ קוואַל פֿון הייסע טרערן.
אַנשטאַט ברויט, גיט דער אַלהערשער
איר אַ קינד, צום יאָר געבערן.

טעג מיט ווינטער, טעג מיט זומער.
אַלע יאָר דאָס זעלבע ווידער.
געסלאַך דרייען זיך אין שטעטל,
און דערווייטערן צוויי ברידער.

ב.

שבת, — אָפּגעגעסן טשאָלענט.
שמעונ׳ס זאַטקייט פֿירט אים שלאָפֿן.
צוגעלייגט זיך. ניגון גוסס׳עט.
דער געהער אין אים איז אָפֿן.

הערט ער ווי זיין מירל טענה'ט:
„אונזער האָב ניט אויסצושעפּן.
זאַנוויל האָט קיין ברויט צום הונגער,
און ער קען די פּיס ניט שלעפּן.“

„שווערער זאַק אים שלעפּט אַרונטער.
ווי אַ רייף, איז שוין זיין פּלייצע.
קויף אַ פערדל אים אָן אַלטן
פאַר דיין געלט. דאָס איז מיין עצה.“

נאָך רעדט מירל. יעדעס וואָרט איר'ס
ווערט פון שמעונ'ס שלאָף צוטריבן,
נאָר איר עצה, ווי פאַרזיגלט,
איז באַ שמעונ'ען פאַרבליבן.

ג

שבת אָוונט. אָנהויב גרוי וואָך.
זאַנוויל גרייט זיך ווייטער טוישן
מיט זיין פּראַצע פאַר דעם גאָרניט.
ס'עפנט זיך זיין טיר פון דרויסן —

איז אַ איד אַריינגעקומען,
און באַלד ריידן אָנגעפאַנגען:
„גייט צום ברודער, שמעון רופט אייך“,
מיט „גוט נאַכט“, אַוועקגעגאַנגען.

זאנוויל שטייט, די פיס אים שלעפן.
טאפט דעם וועג, פונקט ווי א בלינדער...
אים באגלייט דער צער פון ,זיינער׳ —
דער געוויין פון זיינע קינדער.

ד

פרעגט אים שמעונ׳ס ווייב: — „ווי גייט אייך?"
(שמעון האט דערביי געשוויגן.)
זאנוויל ענטפערט: „גאר נישקשה".
איצטער פרייט אים אויף דעם ליגן.

שמעונ׳ס שטערן נעמט זיך קנייטשן,
און ער שפאנט ארום צוטראגן.
„כ׳גיב דיר פינף און צוואנציק קערבלאך,
קויף דיר גלייך א פערד און וואגן".

„איר זאלט משא מער ניט שלעפן".
ענדיקט מירל שמעונ׳ס ריידן.
העלע ליכטיקייט זעט זאנוויל —
און זיין הארץ דערפילט א פריידן.

ה

קאכט יאריד אין מארק פון שטעטל,
גוים שכור׳ן, און לייזן.
קי און פערד, פארקויפט מען וואלוול,
ווער עם דארף, קריגט ציץ און הויזן.

זאנוויל זוכט א פערד און וואָגן.
רעדט אים איין א גוי: „א יאָגער
איז דאָס פערדל. קוקט די ציינער,
ס'מאַכט ניט וואָס זיין פלייש איז מאָגער".

זאנוויל לאָזט פון גוי זיך נאַרן.
(אזא איז ער שוין פון תמיד.)
גאַנץ דער וואָגן, און האַליאַבליעס —
א צופליקטער — איז דער כאָמעט.

ו

רעשט־געלט איז אים נאָך פאַרבליבן.
איילט זיך זאנוויל איינצוקויפן,
פאַר דעם פערד, א נייעם כאָמעט.
פאַלט צו נאַכט. נעמט זאנוויל לויפן.

אָנגעקומען. זאָגט דער קרעמער:
„אויף דעם בוידעם מיט א לייטער,
קריך אַרויף, קלייב אויס א כאָמעט."
וואו מען שיקט, אַהינצו גייט ער.

זאנוויל קלעטערט. און צום שטוינען,
ס'ווייזט אין בוידעם זיך א מענטשל,
ווי א קאַרליקל... און פרייט זיך,
און צולאָזט זיך אין א טענצל...

לוי גאָלדבערג

לויפן פיסלאך, אין דער לופטן,
און די פינגער קנאקן אונטער.
ווי געשטאנען אויף שפראָנדזינעם —
א הויב ארויף, א לאָז ארונטער.

ניט דערשראָקן, נאָר שטארק קשה,
זאנוויל פרעגט זיך בא דעם פיצל:
„זאָג ווער ביסטו? און וואָס פרייט דיך?“
ענטפערט מענטשל מיט א קוויטשל:

„כ'בין שלים מזל. כ'פלעג דיר נאָכגיין,
זינט דעם טאָג פון דיין געבאָרן.
אז דו האָסט א פערד און וואָגן,
וועל איך אויבעט קענען פאָרן“...

נאָטע פוילער

(אַ מעשה)

ווער פון אייך קען נאָטען פוילער?
קיינער ניט? כאַ, כאַ, כאַ, אַ שפּאַס.
נאָטען פוילער, קען דאָס קלענסטע
קינד פון גאַס.

נאָטע פוילער איז אַ הויכער,
און האָט הענט, ווי שפּענדלאַך צוויי.
נאָטע פוילער האָט צוויי אויגן —
ברענען זיי.

נאָטע פוילער האָט קיין היים ניט,
פוילע ווילן גאָרניט טאָן.
און אָט דאָ, הייבט זיך די מעשה
טאַקע אָן.

איינמאָל, ס׳ווייס פון שטעטל קיינער,
ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט.
נאָטע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל —
אומגעריכט.

איז אַ יאָר, און צוויי פאַרשוואונדן.
צייט פאַרשווינדט, מיט׳ן אויגנבליק.
אין אַ זומער טאָג, איז נאָטע
דאָ צוריק.

לוי גאָלדבערג

נאָטע איז אַן אויסגעפּוצטער,
טראָגט אַ קראַגן, גאַנצע שיך.
האַלט זיין קאָפּ אַרויף פּאַריסן,
בלאָזט פון זיך.

נאָטע? נאָטע? פרעגט דאָס שטעטל —
ווי אַזוי?, נו לאָז דערגיין.
נאָטע שמייכלט זיך פאַרנאַנדער,
ווייזט די ציין.

כאַ, כאַ, כאַ, פאַרגעסט דאָס אַלטע,
כ'בין אַ קונצן־מאַכער, כ'קען,
ס'בלייבט זיין ענטפער יעדן קשה —
ווי? און ווען?

נאָטע איז אויף צוריק פאַרשוואונדן,
איז אַוועק אַ וואָך, צוויי, דריי,
נעמט זיך ניט צום האַרץ — דאָס שטעטל,
ניט כדאי.

פּלוצים, קומט פון שלאָף אַ וואָגן,
קרעכצט פון דאָרט אַרויס אַ שטים,
נאָטע, בלייך צובײַלט, צובלוטיקט,
ליגט אין אים.

קלייבט זיך אויף א רעדל מענטשן.
ווער ס'האָט נאָטען נאָר געקענט.
נאָטע פינטלט מיט די אויגן —
שטרעקט די הענט —

ווי דער צייכן וואָלט געהייסן,
„מן הסתם אזוי באַשערט".
נעמט דער פורמאַן זיי דערציילן —
שטוינט און הערט:

„צו אונז געקומען, איז פאַן נאָטע
ווייזן קונצן. — האָט א וואָרף
זיך געגעבן צו פאַן נאָטען, —
ס'גאַנצע דאָרף.

קוקן אַלע, און זיי טשמאָקען.
וואונדער ווייזט ער, גאָר א גרויל.
גיט א כאָרכל, — און ציט סטיינגעס
פון זיין מויל.

לאַנגע, אַלערליי קאָלירן.
דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ.
שוועבעלאַך, צינדט אָן פאַן נאָטע;
רוקט אין האַלדז.

נעמט ארוים א טעשל קאָרטן,
גיט א מיש, ווייזט א קאָרט.
ס'איז א צענטל — אַלע זעען —
אָבער פּאָרט.

מיט איין דריי, און ס'ווערט א ניינטל.
און ס'וואָלט אַלעם גוט געוועזן ;
האָט א יונגער פּויער, זיך א
רומגעזען.

אַז אים פעלט, זיין בייטל קליינגעלט.
ווער גע'גנב'עט האָט זיין טאַש ?
קוקן אַלע, אויף פּאַן נאָטען,
ס'ווערט א רעש.

פּלוצים שרייט ארוים דער פּויער :
— וואָס גייט מיר די קונצן אָן !
ס'איז דעם קונצן־מאַכערס ארבעט.
ס'טער געטאָן.

מיט א קונץ, וואָס האָט א כשוף. — —
וואָס איז דאָ, צו ריידן לאַנג.
נאָטעס גוף האָט זיך געוואָרפן
ווי א שלאַנג.

אוי, האָט זיך דער פּאַן געוואָרפן.
ס'האָט דער פּאַן, געהאַט נאָך גליק.
ווען ניט איך, — וואָלט ער געפאַלן
ווי אַ פליג."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

האָט מען נאָטען צוגענומען
אין אַ הקדש אויף אַ צייט.
און מען האָט אים, אויסגעשריבן,
מיט אַ שטעכעניש אין זייט.

נאָטע לעבט מן הסתם נאָך ערגעץ.
אפשר גרינג, אפשר שווער
אָבער קונצן בין איך זיכער, —
מאַכט ער שוין ניט מער.

אַ טאָג (אין אַ גרויס שטאָט.)

איז אויפגעשטאַנען אַ טאָג, און איז אַראָפּ אויף דער שטאָט
פון אַ הויך, איבער לופטיקע זיילן.
און האָט מיט זיין וואָרט, אַזוי שטיל ווי זיין טראָט, —
באַפוילן, די באַנען, זיך איילן.

האָט געהליכט אַ געוועק, ווי פון טרעפּ אַראָפּ — אַ פּאַס,
האָט זיך עול פון די בעטן, געהויבן.
האָבן פענצטער אַריינגעכאַפּט אין שטיבער, די גאַס. —
טאָג, האָט געבלייכט אין די שויבן.

האָבן ווייבער, דורך דעמערונג, צו קראָמען געפירט —
און צוריק, — פאַרשלאָפענע שפּאַנען.
האָבן מענער דעם אָנביים באַרירט, און פליכט
האָט געשטופּט זיי, אין באַנען.

נאָר די מידקייט פון די ווייבער, — אָן אָנגעהאַנגענע וואָג. —
האָט צוריק זיך געטוליעט אין דעקן.
איז אַוועק פון די פענצטער, אַ בלייכער דער טאָג. —
צו פרי נאָך די קינדער צו וועקן.

אַז עס האָט זיך צושפּילט די פּאַרשפּעטיקט־געפּאַר,
זיינען מחנות געלאָפן צו טרעפּן
אויף די רוקנס פון אַ גאַס. —ביידע זייטן טראָטואַר, —
ווי אַ שטריק וואָלט זיי אַלעמען שלעפּן.

נ אָ ע נ ט ע

און דאָ, האָט דער טאָג, אויף אַ ווייל זיך פאַרטראַכט,
צוריק צו די פענצטער געקומען.
און ווען ס׳האָט דער זייגער געוויזן — באַלד אַכט!
האָט ער וועקן, די קינדער גענומען.

אַז דער טאָג האָט דערזען, — די קינדערלאַך׳ס גאַנג —
איז ער געלאָפן מיט פרייד זיי אַנטקעגן.
און וואו נאָר אַ קרייץ־וועג, איז געווען זיין פאַרלאַנג —
צו היטן, פאַר קינדער די וועגן.

אַז זיי האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אין שול־הויף,
האָט פאַרנומען דער טאָג, אַ וויבריריען.
אַן אויפגיין פון כחות, — אַ העזעלאַך געלויף
איז אַריין, אין אָפענע טירן.

דאָ, האָט דער טאָג, זיך צולאָזט אין אַ טאַנץ,
געפויקט אין אַ פויק, אין אַ שטאַרקן.
מיט האַנדל פון ציץ, מיט האַנדל פון פלאַנץ,
האָט ער הענדלער געשיקט אין די מאַרקן.

האָבן מיילער געשאָטן מיט רייד, ווי מיט שראָט,
זיינען ווייבער געגאַנגען מיט קוישן.
אויף בריק, דורך טונעלן, זיינען באַנען פון שטאָט —
געלאָפן, מיט ליידיקע שויסן.

לוי גאָלדבערג

אז דער טאָג האָט דערזען. — ער האָט נאָך צוויי שעה
ביז צוועלף. — דעם אָפּרו פאַרזאָרגן.
איז ער אַוועק צו די פענצטער פאַרדעקטע אין גראָ.
די זונות, צו ברענגען — פרימאָרגן.

אַ רייץ דורך אַ צודעק, אַ יעדערערס גוף,
און שלאָף איז געווען, אַ נאַרהאַפטער.
עס האָט זיי געוועקט מיט זיין ליכטיקן רוף —
דורך דעם שויב, דער טאָג אַ פאַרגאַפטער.

דערנאָכדעם האָט ער זיי צום שפּיגל געפירט —
אין שאָטן זיי וויזן די גלידער.
(גלידער, וואָס האָבן דעם שוידער געשפּירט,
פון לאַסקעס, וואָס זיינען דערווידער.)

זיי האָבן געוואָרפן די בליקן צום בעט: — ניטאָ
שוין, איז „דער" וואָס געלאָזט האָט זיך מיינען...
אַז צוועלף איז אַרויף, אויפן ברעג פון דער שעה,
האָט דער טאָג נאָך געהערט זייער וויינען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז דער טאָג האָט באַמערקט, — דער צוועלף איז שוין דאָ,
געשאַלט, האָט ער באַלד אין אַ האָרן.
גערופן דער פּראַצע, צו הערן די שעה,
די שעה, איז אָפּרו געוואָרן.

נאָענטע

האָבן גאַסן, געעפֿנט די וועגן, צום רוף.
פּראַצעסיעס... קאָלירן זיך מישן.
און טאָג האָט געפֿירט, יעדן איינציקן גוף,
געזעצט אים צום זעט, בא די טישן.

טעלער און גאָפּל, און מעסער געקלאַנג.
שעה, האָט געצערט זיך, פֿון דויער.
און ווידער גייט פּראַצע. רייסט שטיקער פֿון גאַנג
מויער, נאָך מויער.

אַז דער טאָג, האָט דערזען, ווי פֿון יעדן דער לאַסט
האָט צוריק שוין די ערטער פֿאַרנומען,
איז ער אַוועק צו די שטיבער, די ווייבער צו גאַסט,
פֿון זיי, צו די שולן געקומען.

פֿיר שעה, האָט דער טאָג זיך אויף שפּילן געפֿלייסט.
פֿון שולן, אויף גערטנער אַריבער.
ער האָט דאָרט מיט מאַמעס, און עופּה׳לאַך געשפּרייזט.
געבראַכט זיי צוריק אין די שטיבער.

העט שפּעטער איז ער אויף אַ טורעם אַרויף,
מיט גאָלד אָנגעצייכנט די שפּאַנען.
און ווידער געשאַלט האָט פֿון האָרן זיין רוף! —
און ווידער געאיילט האָבן באַנען.

לוי גאָלדבערג

האָבן פּיס זיך געהויבן צו באַנען, אין שטויב.
האָבן טריט זיך געבויגן משופּה.
ווי אַ שטאָלענער ערד־בּרעכער, הויבט ערד, האָט אַהויב
זיי געגעבן, געוואָרפן אין קופּעס.

האָבן אַקסלען געוויגט אײַנגעמאַטערטע קעפּ.
(באַלונען, אויף רימענע פּאַסן.)
און וואו נאָר באַנס אָפּשטעל, — יעדע אָפּענע טרעפּ
האָט געשאָטן, מיט מענטשן, אויף גאַסן.

אַז דער טאָג האָט דערהערט, ווי טריט טרעטן שטיל,
און דערזען — מידע סימנים —
איז ער אוועק אַ פאַרשעמטער, און האָט אין דער שטיל
מיט נאַכט, געשוואַרצט זיך דעם פּנים...

וואָס אין בוך איז דאָ:

די וועלט איז קיילעכדיק — — 6
קאַמערויקע — — — — — — 7
פון שטוב אַרויס — — — — — 12
מאַמע — — — — — — — — 18
קדיש — — — — — — — — 19
צווייטע מאַמע — — — — — — 20
מיין טאַטע — — — — — — 21
עקסטרעמען — — — — — — 22
CYPRESS HILLS — — 24
שטעט — — — — — — — — 26
מיין מידקייט — — — — — — 27
אָונט אומעט — — — — — — 28
אינדעדמיט — — — — — — 29
משפחה — — — — — — — 31
דריי פּאָרטרעטן — — — — — 32
מיין וואַזאָנע — — — — — — 35
מיט שנייען — — — — — — 36
AUTOMAT — — — — 37
אַ נאַכט אַזאַ — — — — — — 38
Cleo dances to-night — — 40
כ'ווער גוף — — — — — — — 41
לאַסט — — — — — — — — 42
... — — — — — — — — — 43
פון צוויי אַ קול — — — — — 44
הייליגער אומעט — — — — — 47
רייזען אין מינסק — — — — 48
מיין ליבע צו מינסק — — — — 60
נעגער מוידן — — — — — — 51
אין אַ נעגער קוואַרטאַל — — — 54
אַ שלאָפנדע מאַלאַטע — — — — 58
קרובה'שאַפט — — — — — — 59
אַכט מיידעלשע שיך — — — — 60
באַרג לעגענדע — — — — — 63
דאָרף אידיליע — — — — — — 64
דאָרפ'ס מויד — — — — — — 66
בריף — — — — — — — — 67
איבער אָרעמע צאַמען — — — — 68
בין השמשות — — — — — — 70
טעאַטער — — — — — — — 71
אַפּישען — — — — — — — 72
"LOONY" — — — — — — 73
פּאָלקס מאָטיוו — — — — — — 74
אַ דיכטער — — — — — — — 75
אַ לויב — — — — — — — — 76
דער בלינדער מצבה קריצער — 78
דער שלים מזל — — — — — 80
נאַטע פוילער — — — — — — 85
אַ טאָג (אין א גרוים שטאָט) — 90